בעזהשי"ת

קונטרס

# שפתי קודש

## חג השבועות

פה קרית טאהש יצ"ו

ע"י וועד להוצאת דא"ח מאת רביה"ק זי"ע

להשיג הקונטרס או לנדב יש לפנות אל:

**הר"ר נתנאל מאיר הערשקאוויטש שליט"א**

**514-518-6853**

**או אל בנו**

**ר' אליעזר צבי הערשקאוויטש נ"י**

**438-920-4312**

# תורה א

## - א -

**ביי** פסח, שטייט אין די תורה דער טעם פונעם יום טוב, כי בעצם היום הזה הוצאתי את צבאותיכם מארץ מצרים, ביי סוכות שטייט אויך דער טעם, למען ידעו דורותיכם כי בסוכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים, ביי שבועות שטייט נישט דער טעם פונעם יום טוב, ביים דאווענען זאגן מיר, זמן מתן תורתנו, אבער אין די תורה שטייט עס נישט, פארוואס שבועות איז, ס'שטייט נאר אז ביום החמשים זאל מען מאכן א יום טוב, און ס'הייסט חג השבועות. איז זייער שווער, פארוואס זאל אזא זאך נישט ברויכן צו שטיין אין די תורה.

**האב** איך געזעהן מסביר זיין א טעם אויף דעם, בהקדם וואס ס'שטייט אין פרשת יתרו (שמות יט ג) כה תאמר לבית יעקב וגו' אלה הדברים אשר תדבר אל בני ישראל, זאגט רש"י הק', לא פחות ולא יותר. לא פחות פארשטייט מען, ס'זאל נישט פעלן עפעס פונעם דבר ה', אבער פארוואס נישט מער, משה רבינו האט דאך נישט גערעדט קיין זאכן וואס מ'דארף נישט וויסן, אז ער וויל עס זאגן מיט מער ווערטער, מיט מער הסבר, פארוואס נישט.

**נאכדעם** זאגט דער פסוק (יט ז), ויבא משה ויקרא לזקני העם וישם לפניהם את כל הדברים האלה אשר צוהו ה'. איז שווער, וואס הייסט ויקרא לזקני העם, ער האט זיי צוזאמגערופן, זיי זענען דאך דארט געווען, זיי האבן געוואוסט אז משה איז ארויף אויפן בארג, אינעם צווייטן טאג בהשכמה, און זיי האבן געווארט ער זאל צוריקקומען, וואלט געדארפט שטיין ויבוא משה וישם לפניהם את כל הדברים האלה, ויקרא, מ'האט זיי צוזאמגערופן, זעהט אויס, מ'האט עפעס געוואלט זאגן א נייע זאך.

**האב** איך געזעהן אויף דעם א הסבר, אז ווען ס'שטייט סתם אז משה רבינו האט גערעדט צו די יודן, מיינט דאס אז ער האט זיי איבערגעגעבן די זאך לויט זייער מדרגה, סתם דבר אל בני ישראל, איז דער טייטש, ער זאגט עס פאר זיי, לויט זייער מדרגה. אבער אויב ס'שטייט ויקרא, איז עס טייטש אז ער רופט זיי צו זיך, מיינט דאס אז ער וויל זיי אויפהייבן, זיי איבערגעבן לויט זיין כח, לויט זיין מדרגה, מער ווי זיי פארשטייען, ס'שטייט נאך אין די ראשונים אזוי, אז דאס איז דער פשט פון ויקרא. ווען ס'שטייט אז דער אייבערשטער האט גערופן צו משה, איז אויך דאס דער פשט, ער האט אים גערופן צו זיין כח, ספר ויקרא הייבט זיך אן ויקרא אל משה, נאכדעם וידבר ה' אליו, קודם האט ער אים אויפגעהויבן צו זיך, צו זיין כח, און אזוי האט ער גערעדט צו אים דעם דיבור, לויט די הויכע מדרגה.

**ממילא** אז דא שטייט, ויקרא לזקני העם, ער רופט זיי צו זיך, מיינט דאס, אז ער האט געוואלט באהעפטן די יודן צו זיך, און זיי איבערגעבן לויט זיין כח, ווייל די זאכן וואס מ'האט גערעדט דא פאר מתן תורה, זענען געווען העכער ווי די מדרגה פון א מענטש, האט ער געדארפט זיי אויפהייבן, זיי מקרב זיין צו די מדרגה, זיי זאלן עס קענען נעמען.

**מיט** דעם וועט מען פארשטיין, וואס רש"י הק' זאגט לא פחות ולא יותר, האבן מיר געפרעגט פארוואס לא יותר, איז דער ביאור אזוי, א זאך וואס מ'רעדט לויט די מדרגה פונעם מענטש, קען מען רעדן און מסביר זיין ווי אזוי מ'וויל, מ'קען רעדן אביסל מער אויך, ווייל מ'ברענגט דאך אראפ די זאך צום שכל אנושי, מ'ברענגט עס פון פנימיות צו חיצוניות, דארף מען עס פארשטיין געבן. מ'זעהט למשל, ווען א מענטש לערנט א גמרא, פארשטייט ער עס נאך נישט, ווייל ס'ליגט אין דעם זייער טיף, ס'איז נאך א פנימיות, ברויך מען צו לערנען די רש"י און די תוספות, מ'דארף רעדן נאך ווערטער, צולייגן הסבר, כדי עס אראפצוברענגן צום שכל פונעם מענטש, און נאך אלעם איז עס נאך ווייט פון פארטיג.

**דא** אבער, אז משה רבינו האט זיי אויפגעהויבן צו זיך, צו זיין מדרגה, האט ער זיי דאך איבערגעגעבן די זאך אזוי ווי ס'איז, ער האט עס נישט געוואלט אראפברענגן צו חיצוניות, נאר זיי אויפהייבן צו די פנימיות, ביי א פנימי'שע זאך, קען מען נישט זאגן מער, מ'קען גארנישט צולייגן, מ'קען נאר איבערגעבן די זאך אזוי ווי ס'איז, לויט די גרויסע מדרגה. אזוי ווי ווען מ'לערנט א הלכה, למשל ס'איז דא א דין אז ארבעים סאה איז מטהר, אז ס'פעלט א טראפ איז עס נישט מטהר, דאס איז א פנימי'שע זאך, ס'איז אזוי ווי א ווארט פון הימל, מ'קען גארנישט צולייגן צו דעם, מ'קען עס נישט מסביר זיין, פארוואס ס'איז אזוי, מ'קען עס נאר זאגן אזוי ווי ס'איז.

**פארדעם** זאגט ער, אלה הדברים, לא פחות ולא יותר, ווייל ס'איז א העכערע זאך, די אלע ווערטער וואס משה רבינו האט דא גערעדט, זיי צו צוגרייטן צו מתן תורה, זענען געווען הויכע ווערטער, האט מען עס געדארפט איבערזאגן אזוי ווי ס'איז, מ'האט נישט געקענט גארנישט צולייגן. מ'זעהט אמאל, אז מ'רעדט פון א פנימיות'דיגע זאך, א הויעך ווארט פון צדיקים, קען מען נאר זאגן דאס ווארט אליין, אויב מ'רעדט מער, קען מען עס נישט דערהייבן, ווייל מ'קען עס נישט אראפברענגן, ס'קען נישט אריינקומען אינעם שכל פונעם מענטש.

- ב -

**יעצט** וועלן מיר צוריקקומען צו דעם וואס מ'האט אנגעהויבן, פארוואס שטייט נישט אין די תורה וואס דער שבועות איז, ס'שטייט נישט ארויס אז ס'איז מתן תורה. ווייל אין אמת'ן, מ'האב מיר שוין געשמועסט נעכטן נאכט, מ'ציילט דאך ספירה, זיך צו צוגרייטן צו מתן תורה, ספירה איז טייטש ספיר, לייכטן, כדי מקבל צו זיין די תורה דארף מען מאכן לייכטן די מדות, זיי מטהר זיין, די תורה קען מען נישט מקבל זיין סתם אזוי, נאר מיט טהרה, ווייל די תורה איז אזאך וואס יעדער איז מקבל לויט זיין השגה, לויט ווי ער איז משיג ווער דער באשעפער איז, און וואס די תורה איז, פארשטייט ער וואס דאס הייסט פאלגן דעם באשעפער, און וואס דאס הייסט מקיים זיין א ציווי ה'. קומט אויס, אז צו נעמען די תורה דארף דער מענטש זיך אויפהייבן צו די תורה, ס'דארף זיין א בחינה פון ויקרא, לויט ווי אזוי ער הייבט זיך אויף, לויט דעם פארשטייט ער די תורה.

**ממילא** קען מען נישט ארויסזאגן אז מ'גייט מקבל זיין די תורה, ווייל דאס עצם מקבל זיין די תורה איז העכער פונעם שכל אנושי, מ'קען עס נישט אראפברענגען אין ווערטער, מ'קען נאר זאגן אז מ'זאל זיך צוגרייטן, דער פסוק זאגט מ'זאל ציילן ביז פופציג טאג, ווען וואס ציילט מען, ווען דעם מ'זאל זיך צוגרייטן, אז ס'איז דא א הכנה, קען זיין א קבלת התורה, אז ס'איז דא אן ערב שבת, פארשטייט מען אז ס'איז דא א שבת אויך, מער פון דעם קען נישט שטיין, אזוי ווי מ'האט געשמועסט, ולא יותר, ביי א פנימי'שע זאך קען מען נישט אלעס ארויסזאגן.

**דאס** שטייט אלץ ארויס אין פסוק, וספרתם לכם ממחרת השבת, שבעה שבועות תספר לך, און די תורה רופט אן דעם יום טוב חג השבועות, פארשטייט מען שוין אליין אז די קבלת התורה איז תלוי אין דעם, לויט ווי מ'האט געהארעוועט, מ'האט זיך צוגעגרייט זיבן וואכן, לויט דעם קען מען נעמען די תורה, ווי דער פסוק זאגט (תהלים קיט קמ) צרופה אמרתך מאוד, די תורה איז א געלייטערטע זאך, און אין קאפיטל י"ב שטייט עס קלאר, אמרות ה' אמרות טהורות, די תורה איז א ריינע זאך, כסף צרוף, ס'איז ווי געלייטערטע זילבער, מזוקק שבעתים, וואס איז געלייטערט זיבן מאל זיבן, לויט ווי אזוי מ'לייטערט זיך אין די טעג, זיבן מאל זיבן, לויט דעם קען מען עס נעמען. ממילא אז די תורה רופט עס אן חג השבועות, איז געווען געזאגט וואס דער יום טוב שבועות איז, דאס אז מ'גייט נעמען די תורה, קען שוין נישט ארויסשטיין.

- ג -

**וואס** זעהט מען פון דעם, אז די תורה איז זייער טיף, עמוק עמוק מי ימצאנה, און יודן זענען זייער טיף, לויט ווי טיף יודן זענען, אזוי טיף פארשטייען זיי די תורה, לויט די טהרה פון די מדות, קען מען עס נעמען, דרך ארץ קדמה לתורה, לויט די דרך ארץ, דאס הייסט לויט די ריינע מדות, קען מען נעמען די תורה. א מענטש קען לערנען גאנץ ש"ס און פוסקים, אפילו אויסענווענדיג, אויב איז עס אן טהרה, פארשטייט ער גארנישט, ער קען זאגן א שיינע דרשה, אבער ער האט נישט קיין שום השגה, ער פארשטייט נישט וואס הייסט דער באשעפער, און וואס דאס הייסט מקיים זיין א מצוה.

**מ'זעהט** דאך, ס'קען זיין א מענטש זאל פארשטיין גוט לערנען, און אפילו זיך מפלפל זיין, אבער מקיים איז ער עס נישט, ער איז נישט געבונדן צו די תורה, ער עסט ווי א זולל וסובא, און כאפט אפ א ברכה, ער איז קאלט ביי יעדע מצוה, זאגן זאגט ער איין זאך, און טון טוט ער עפעס אנדערש, ער איז זיך אליין סותר, דאס קומט וועגן דעם, ווייל ער איז נישט ריין, טוען אים די תאות און מדות רעות אוועקשלעפן פון די תורה. און מיט דעם פארשעמט ער די תורה, די גמרא זאגט (פסחים מט:), שנה ופירש איז נאך ארגער ווי אן עם הארץ, שנה ופירש איז טייטש, ער לערנט, ער קען די תורה, אבער ער איז אפגעשיידט דערפון, ער איז עס נישט מקיים ווי מ'דארף, איז דען דא א גרעסערע בזיון פון דעם. ווען א מענטש האט נישט געלערנט, איז איין זאך, איז אויך זייער ביטער, אבער אז ער לערנט, און ער פירט זיך נישט אזוי, הייסט דאס אז ער לאכט די תורה אין פנים אריין, ער איז איר מבזה.

**אויף** דעם ציילט מען די טעג יעצט, די גאנצע ניין און פערציג טעג ארבעט מען, מטהר צו זיין די מדות, היילן די שוואכקייטן פונעם נפש, דורך דעם קען מען שבועות נעמען די תורה, דאס איז שוין ממילא אזוי, אז מ'האט זיך צוגעגרייט, נעמט מען שבועות די תורה מיט אן אור חדש, מיט א גרויסן כח. שבועות לאזט זיך אראפ אויף דער וועלט גרויסע כחות, גרויסע אורות, מ'זאל קענען נאכאמאל מקבל זיין די תורה, מיט אן עול, מיט א פאראנטווארטליכקייט, אויב דער מענטש האט ריינע מדות, קען ער עס נעמען. און אפילו ער איז נאך נישט ריין אינגאנצן, אויב ער ארבעט אבער, ער וויל זיך מטהר זיין, ער האט חרטה אליץ, און ער וויל זיך פארבעסערן, בארגט אים דער אייבערשטער אויס, ער גיט אים צו פארשטיין די תורה, אבער דער וואס וויל נישט ארבעטן אויף די מדות, קען נישט נעמען די תורה.

**צדיקים** האבן דאס געוויזן, אויב זיי האבן געזעהן איינער איז א בעל גאוה, האבן זיי נישט געוואלט איינשטיין ביי אים, אפילו ער איז נישט געווען קיין בעל עבירה,

זיי זענען ענדערש איינגעשטאנען ביי א פשוטער מענטש, אפילו גאר א גראבער יונג געווען, אבער ער האלט זיך נישט גרויס, ווייל איינער וואס איז אנגעלאדענט מיט מדות רעות, און ער וויל זיך נישט מטהר זיין, איז א מחלל שם שמים. אויף א בעל גאוה זאגט די גמרא (ברכות מג:), ער איז דוחק רגלי השכינה, ער שטופט אוועק דעם אייבערשטן כביכול, דער אייבערשטער קען נישט שטיין ביי אים, אין אני והוא יכולין לדור בעולם.

- ד -

איז וואו הייבט מען אן, ס'איז דאך זייער א שווערע זאך, די מדות רעות נעמען דאך ארום דעם מענטש פון אלע זייטן, דער גוף איז דאך געשטעלט אויף תאות און מדות רעות. זאגן די ספרים הק', די עצה אויף דעם איז, דער ענין פון ביטול, דאס הייסט, דער גוף האט טאקע אין זיך די אלע שלעכטע זאכן, ער קען זיך אבער מבטל זיין צו די נשמה, ער האט דאך א נשמה, דארף דער גוף זיין א מרכבה צו די נשמה, א מרכבה איז טייטש, אזוי ווי דער פערד ווייסט ער דארף זיין בטל צו זיין רייטער, ער לאזט זיך פירן פון אים, אויב דער פערד וועט וועלן זיין דער פירער, וועט מען נישט האבן פון אים קיין נוצן, מ'וועט נישט קענען מיט אים אנקומען אין ערגעץ, אזוי דארף דער גוף וויסן, ער ברויך טאקע צו זיין געזונט און שטארק, אבער ער האט נישט קיין נוצן, נאר אויב ער איז זיך מבטל, ער לאזט זיך פירן פון די נשמה, דעמאלטס קען מען מיט אים מקיים זיין אלע מצות, און אנקומען זייער ווייט און זייער הויעך.

אזוי זאגט דער הייליגער מאור עינים פשט, אין דעם וואס חז"ל זאגן (ב"ר מז ו) האבות הן הן המרכבה, זיי זענען געווען בטל צום אייבערשטן, אזוי ווי דער פערד איז בטל צו דעם רייטער, און אזוי זאגן מיר יעדן צופרי, הריני מכוון לעשות את עצמי כסא להקדושה ומרכבה להשכינה הקדושה, מ'גיט זיך איבער צו די שכינה. דאס איז דער אפטייטש פון מסירות נפש, נפש טייטש די רצון, ער גיט איבער זיין רצון צום אייבערשטן, דאס איז דער טייטש ביטול, דער מענטש גיט זיך איבער, ער גייט נאך נאכן אייבערשטן, אפילו ווען ער פארשטייט נישט. אזוי ווי די יודן האבן געזאגט נעשה ונשמע, נשמע איז טייטש פארשטיין, זיי האבן אונטערגענומען צו טון אפילו ווען מ'פארשטייט נישט, און אפילו די מצות וואס מ'פארשטייט יא, די מצות שכליות וואס מ'פארשטייט דעם טעם דערפון, דארף מען אויך טון נישט ווייל מ'פארשטייט, נאר ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן, אזוי ווי א חק, נאכדעם דארף מען פארשטיין אויך, מ'דארף פארשטיין די טעמי המצות, די כוונת המצות, אבער דער נעשה קומט פריער.

**און** ווי מ'זאגט שבועות, אינעם פייט פון ערשטן טאג, ביי די מצוה פון כבד את אביך ואת אמך, שטייט דאס לשון, קיים כבודם ומוראם כחוקים. האב איך געזעהן טייטשן אויף דעם, די מצוה פון כיבוד אב ואם איז דאך נישט פון די חוקים, ס'איז פון די מצות שכליות, ס'איז דאך א שכל'ישע זאך, ווי דער פייטן אליין זאגט דארט ארוים דעם טעם פון די מצוה, וועגן דעם פלאג פונעם טאטן, דער טאטע איז אזוי געטריי געווען, ער האט זיך אזוי געפלאגט מיט דיר, אפילו עשו האט עס מקיים געווען, וועגן דעם שכל דערפון. נאר דער פייטן וויל טאקע דאס זאגן, אז אפילו אזא מצוה, דארף א יוד טון ווי א חק, ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן, מיט דעם האט מען א כח איבער עשו, עשו קומט מיט א טענה אז ער האט מקיים געווען כיבוד אב, ער האט עס אבער געטון נאר וועגן די שכליות, יודן טוען עס נישט וועגן דעם שכל, נאר ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן.

**די** יוונים זענען געקומען מיט שכליות, זיי האבן געוואלט מ'זאל טון יעדע זאך נאר ווייל מ'פארשטייט, ווי מ'זאגט אין על הנסים, להעבירם מחקי רצונך, די חוקים האבן זיי נישט געקענט אויסהאלטן, מיט דעם האבן זיי די גאנצע תורה געוואלט אויסרייסן, יודן טוען אבער יעדע זאך מיט ביטול הדעת, ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן, נישט ווייל מ'פארשטייט, דאס איז דער כח פון ביטול.

- ה -

**נאכדעם** איז דא נאך אן ענין פון ביטול, ביטול צו ערליכע יודן, יודן וואס מ'זעהט פון זיי ווי אזוי מ'ברויך זיך צו פירן, מ'זעהט ווי אזוי זייער עבודה איז, מ'הערט פון זייער רעדן, צי מ'זעהט וואס זייערע ספרים זאגן, זאל מען זיך צו זיי מבטל זיין, פאלגן וואס זיי הייסן. אז דער מענטש איז מבטל זיין דעת צו אן ערליכן יוד, קען ער מיט דעם בייקומען זיינע שלעכטע מדות, אליין קען ער טאקע נישט, אבער ער קען זיין אונטערגעווארפן אונטער א מנהיג, אלץ זענען דא מנהיגים וואס פירן, ערליכע יודן, יראים ושלמים, דער אייבערשטער האט איינגעטיילט, עמד ושתלן בכל דור ודור, ברויך מען זיך צו זיי מבטל זיין, דאס איז די עצה וואס זיי געבן, די ספרים הק', אז דער מענטש איז זיך מבטל, ער פאלגט וואס מ'הייסט אים, קען ער מיט דעם איבערמאכן אלע זיינע מדות.

**און** אז מ'לערנט די ספרים פון צדיקים, און מ'פאלגט, הייסט דאס אויך ביטול, און דער עיקר אין די ספרים פון תלמידי בעל שם, ס'זענען דא אסאך הייליגע ספרים פון פריער וואס מ'דארף אויך לערנען, אבער די תלמידי בעל שם זענען מסביר דאס יודישקייט, אזוי אז יעדער זאל עס פארשטיין. אזוי ווי ס'גייט אין נגלות התורה, ווי א

שפעטערער דור ס'איז, איז דא אלץ מער הסבר, די גמרא איז מפרש וואס ס'שטייט אין די משנה און אין די ברייתא, און רש"י איז מפרש די גמרא, און תוספות איז מפרש נאך מער. איז שוין מיט דעם געגוג, ניין, אויף תוספות אליין דארף מען נאך א גרויסן פירוש, קומען די ראשונים, דער רי"ף און דער רא"ש און אלע ראשונים, קומען כסדר זאגן נאך פירושים אין די סוגיא, אלץ פארשטייט מען טיפער און טיפער, אידך פירושא הוא, זיל גמור, מ'ברויך אלץ צו לערנען נאך. אויף דעם אופן גייט עס אויך אינעם חלק המוסר, וואס דאס איז די פנימיות התורה, אלעס שטייט אין די ספרים הק' פון פריער, אבער די תלמידי בעל שם האבן עס אראפגעלייגט, זיי זענען געקומען אהערגעבן דאס יודישקייט, מסביר זיין שטארק וואס די ספרים האבן אונז געלערנט.

פארן בעל שם איז געווען דער אר"י הק', דעמאלטס איז יעדע זאך געווען על פי אר"י אויסגעארבעט, דער בעל שם ותלמידיו זענען געקומען מסביר זיין די דברי האר"י, מ'זאל פארשטיין גוט וואס דער תכלית הבריאה איז, און ווי אזוי א יוד קען זיך באהעפטן צום אייבערשטן, זיין עבודה זאל זיין מסטרא דקדושה, אזוי אז ס'זאל אויפוועקן אין די עולמות עליונים, זיי האבן געוויזן, ווי אזוי אלעם וואס ס'טוט זיך, וואס ס'רירט זיך אויבן, איז געוואנדן אין די עבודה פון יודן, מלאכים ושרפים זענען אויך באשאפן געווארן וועגן יודן, ווילאנג יודן מאכן נישט אויף דאס מויל, קענען זיי גארנישט זאגן.

על כל פנים, איז דאס די עצה, מיטן כח פון ביטול קען מען זיך צוגרייטן צו מתן תורה, אויף דעם זאגט מען ביי על כן נקוה, להפנות אליך כל רשעי ארץ, רשעי ארץ גייט אויך ארויף, אויף דאס שלעכטס וואס געפינט זיך אין יעדן מענטש, יעדער האט אין זיך אליין א שטיקל רשע, דאס זענען די שלעכטע מדות, דעם קען ער נישט ליידן, און דאס קען ער נישט פארנעמען, און פאר א גוט שטיקל כבוד, קען אים שוין דער בעל דבר שלעפן, ער האט אים שוין אין די האנט, ער קען אים דרייען ווי אזוי ער יויל, די אלע זאכן זענען די רשעי ארץ, דאס אלעס דארף מען קערן צום אייבערשטן, להפנות אליך, ער זאל דאס מבטל זיין, איבערגעבן פארן אייבערשטן, לפניך ה' אלקינו יכרעו ויפולו ולכבוד שמך יקר יתנו, מ'זאל זיין בטל צום אייבערשטן, און צו ערליכע יודן, וועלן די אלע זאכן בטל ווערן.

און אז דער מענטש איז זיך מבטל, ער וויל טון וואס דער אייבערשטער הייסט, און וואס צדיקים הייסן, ער זאגט, אזוי וועל איך טון ווי זיי זאגן, זאגט דער אייבערשטער, וועל איך דיר שטיין צו די האנט, איך וועל דיר העלפן, הבא לטהר מסייעין אותו, אז דער מענטש טוט וואס ער קען, און ער בעהט איך וויל מיך מטהר זיין, העלפט מען אים פון אויבן, עזוב תעזוב, עמו, אויב ער טוט אליין אויך, גיט מען

אים פון אויבן, מ'טוט אים דערלאנגן פון הימל גרויסע אורות, ס'זענען דא כסדר גרויסע מתנות וואס דער אייבערשטער גיט פאר יודן, אפילו ווען דער מענטש ווייסט נישט וואס פאר אים איז גוט, יאגט עס אים נאך, אך טוב וחסד ירדפוני כל ימי חיי, ושבתי בבית ה' לאורך ימים, אורך ימים טייטש לעכטיגע טעג, אז ס'איז ושבתי בבית ה', אז מ'לערנט די תורה, לאורך ימים, זענען די טעג לעכטיג, כי נר מצוה ותורה אור, די תורה לייכט, די תורה איז מזון הנפש, ס'שפייזט מיט כח און מוח. און אורך איז אויך טייטש רפואה, והעלה ארוכה, די תורה גיט געזונט און נחת, מ'זאל ווערן געשטארקט בגוף ובנפש, ה' חפץ למען צדקו יגדיל תורה, ויאדיר, און פון די תורה ווערט מען געשטארקט, נאכדעם זאגט מען, ה' אדונינו מה אדיר שמך בכל הארץ, חזקו ויאמץ לבבכם כל המיחלים לה', יתגדל ויתקדש שמיה רבא, ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן. (ס"ג סחוהמ"פ תשנ"ג)

---

# תורה ב

## - א -

בײ מתן תורה האבן יודן געזאגט נעשה ונשמע, דאס איז געווען א גרויסע מדרגה, נאר א מלאך קען דאס זאגן, מי גילה לבני רז זה שמלאכי השרת משתמשין בו, יודן זענען דעמאלטס געווען אין די גרויסע מדרגה. און זײ האבן אויך געזאגט, אז זײ ווילן הערן פון אײבערשטן אליין, רצוננו לראות את מלכנו, אלע האבן דאס געזאגט, כאיש אחד בלב אחד, און ס'איז געווען פסקה זוהמתן אויך. אויב אזוי פארוואס האט געדארפט זײן כפה עליהם ההר כגיגית, אזוי פרעגט תוספות די קשיא, און אלע.

איז ידוע דער תירוץ פון בעל שם טוב הק', בײ מתן תורה זענען יודן געווען זײער מזוכך, וואס וועט אבער זײן שפעטער, אויב זײ וועלן נישט זײן אין די מדרגה, ס'שטייט דאך והחיות רצוא ושוב, א מענטש שטייט נישט אלץ אויף איין מדרגה, מ'קען גײן העכער אדער אראפפאלן חלילה, אויף דעם האט געדארפט זײן כפה עליהם ההר, אם תקבלו עליכם מוטב, ואם לאו שם תהא קבורתכם, האבן יודן דאס אויך מקבל געווען, יא, אפילו שפעטער, וועלן זײ אויך היטן די תורה.

איז אבער די קשיא אויף דעם, ס'איז דאך געווען געצוואונגן, מיט געוואלד, וואס איז דער אויפטו פון דעם, דאס הייסט דאך נישט מקבל געווען. זאגן די ספרים אויף דעם, זײ ברענגן דעם רמב"ם הק', דער יסוד שטייט איבעראל, נאר מ'ברענגט עס צו פון רמב"ם אין הלכות גרושין (פ"ב ה"כ), ער גיט עס ארויס דארט מיט א שטארקן הסבר, מיט א גרויסן שיינעם לשון, אז יעדער יוד וויל בפנימיות הלב היטן די תורה, די נשמה

פון א יוד קומט דאך פון די אבות הק', און נאך איידער מ'האט באשאפן די וועלט, זענען שוין געווען די נשמות ישראל, ישראל עלו במחשבה, כל שכן ווען זיי זענען שוין געקומען, זיי זענען שוין געבוירן פון די אבות, איז יעדער יוד בפנימיות הייליג, ער וויל היטן די תורה, ממילא אז מ'נייט אים אריינצוברענגן יודישקייט, אפילו ס'איז גענייט, הייסט עס אויך א רצון, ווייל באמת וויל ער דאס, זיין מהות איז דאס, זיין שורש איז דאס, נאר דער יצר הרע פארלייגט זיך אויף אים, ער שפרינגט אריין, ער רעדט אים איין, אבער אז מ'וועקט אויף זיין פנימיות, וויל ער דאס, א יודיש הארץ וויל היטן די תורה.

**איבערדעם** האט דער אייבערשטער כופה געווען עליהם ההר כגיגית, מיט געוואלד, ער האט געוואלט מיט דעם ווייזן, וואס דער כח פון א יוד איז, אז אפילו ווען יודן זענען אין א קליינע מדרגה, מ'דארף זיי נייטן, ווילן זיי אויך היטן די תורה, א יודיש הארץ וויל ווייטער. מ'שמועסט נישט פון א כופר רחמנא ליצלן, איינער וואס וויל דערצערענען דעם אייבערשטן בזדון, רחמנא ליצלן, ער ברויך אויך א תיקון, ווער ווייסט ווי אזוי ס'וועט זיין, והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול ובאו האובדים בארץ אשור והנדחים בארץ מצרים, טיפע זאכן זענען דא ווי אזוי דאס וועט זיין, אין דעם אליין זענען פארהאן מדרגות, ס'איז פארהאן איינער וואס איז א כופר וויל ער ווייסט נישט, איז אן אנדערע זאך, ס'זענען דא פארשידענע תינוקות שנשבו.

**אבער** על כל פנים, האט דער אייבערשטער געוואלט ווייזן, אז א יוד בפנימיות, וויבאלד ער טוט די מצות, האט ער הנאה, אפילו ס'איז מיט געוואלד, וויל ער דאס, ער שפירט זיך זייער גוט, ער איז זיך מחיה, ווייל דאס איז זיין מהות, אזוי זענען די ספרים הק' מסביר, דאס איז דער פשט וואס דער בעל שם זאגט, אז די כפה עליהם איז געווען אויף ווען מ'וועט זיין אין א קליינע מדרגה, דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזן מיט דעם, אז אפילו ווען מ'איז אין א קליינע מדרגה, מ'טוט געצווינגן, וויל מען אויך. אז יודן האבן דאס געזעהן, האבן זיי באקומען פון דעם א חשק, אז אפילו ווען ס'וועט זיין שווער, וועלן זיי אויך היטן די תורה, ווייל זיי ווילן דאך באמת, האבן זיי דאס אויך מקבל געווען מיט גרויס שמחה. נישט מיט אזא שמחה ווי פורים, פורים איז געווען הדר קבלוה, מיט נאך א גרעסערע מדרגה, מיט א געוואלדיגע שמחה ורצון.

- ב -

**איז** דאס א געוואלדיגער יסוד, מ'זאל וויסן אז וואס יודן טוען, אפילו מיט געוואלד, איז זייער גרויס, דארף א יוד זעהן ווי מער ער קען, זיך אריינצווינגען צו יודישקייט, מיט געוואלד זאל ער אריינקומען אין די קדושה, אין די תורה, אין מדות טובות, אין אהבת

ישראל, אפילו ער איז נאך נישט אין די מדרגה, קודם זאל ער זיך ארייגעווינען. און דאס אז יודן זיצן אינאיינעם, און וואוינען אינאיינעם, איז אויך א געוואלדיגער כח, איינער זאל זיך לערנען פונעם אנדערן, אפילו ס'איז נאך מיט געוואלד, איז עס אויך זייער גרויס, ווייל ס'איז דאך דא דער כח, ס'איז נישט עפעס א פרעמדע זאך, די סחורה איז דא, ס'ליגט באהאלטן דער רצון אין יעדן יוד, מ'דארף עס נאר אויפוועקן. און דאס איז דער טעם פארוואס עס נוצט ביי א יוד תשובה, ווייל דאס וואס דער מענטש איז דורכגעפאלן, איז נישט געווען זיין ווילן, דער יצר האט זיך פארלייגט, ממילא קען ער זיך גרינג צוריקכאפן, ער קען זיך צוריקקערן, און דער אייבערשטער וועט עס אננעמען, ווייל דאס איז זיין אמת'ע רצון.

**דאס** דארף א מענטש וויסן ביי יעדע זאך, אפילו ער מאכט עס נאר ווייל ער מוז, איז אויך גוט, אבי ער מאכט עס, אפילו ער איז נאך נישט דערביי, צוביסלעך וועט ער צוקומען צו זיין דערביי אויך, חז"ל זאגן דאך, לעולם יעסוק בתורה ומצות אע"פ שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה, אביסל לשמה הייסט עס שוין, ווייל באמת וויל ער דאס, זיין הארץ איז זיך מחיה אז ער לערנט דורך א בלאט גמרא, אז ער גייט אין מקוה, ער גייט צו א מנין, אפילו ס'קומט אים אן שווער, בפנימיות פריידט ער זיך אז ער איז געקומען דערצו, ער דאנקט דעם אייבערשטן אז ער האט אים אריינגעברענגט אין די זאך, און צוביסלעך וועט ער קומען צו לשמה ממש אויך.

**לגבי** א מקוה, וויל איך טאקע עקסטער זאגן, א מקוה איז דאך מטהר דעם נפש, און דער נפש שפירט די טהרה, זי האט א געוואלדיגע שמחה פון דעם, אפילו ס'קומט אן שווער. דאס וואס דער בעל שם האט איינגעפירט דער ענין פון מקוה, איז נישט קיין קלייניגקייט, מ'זאל עס נישט האלטן גרינג. ס'זענען נעבעך דא אזעלכע וואס ווילן דאס נישט, ס'זענען פארהאן אזעלכע סארט יודן וואס ווילן דאס נישט מקיים זיין, גיין שבת אין מקוה, חלילה, בשום אופן נישט, אפילו א תלמיד חכם גדול וויל נישט גיין שבת אין מקוה, נעבעך, און א גאנצע וואך אודאי נישט, פרייטיג אפשר אמאל, און ערב יום הקדוש יא, דער בעל דבר רעדט נעבעך איין, ער קען דאך יעדן פאפן. פון דעם אליין קען מען זעהן ווי גרויס דאס איז, פונעם ווידערשטאנד, אז מ'זעהט ווי דער בעל דבר לאזט זיי דאס נישט מקיים זיין, קען מען פארשטיין וואס גרויס דאס איז.

- ג -

**על** כל פנים, גיי מיר צוריק, דארף מען געדענקן דאס, א מענטש האט אין זיך א כח, א נקודה הפנימית וואס וויל טון רצון הבורא, ואני בעודי אהללה בוראי, כי עודך חי, דער עוד פון א יוד לעבט אייביג, די נקודה הפנימית איז פול מיט רצון, מיט דעם

כח קען דער מענטש בייקומען די זמנים וואס זענען שווער, און די ענינים וואס קומען אים נאך אן שווער. דאס איז נוגע עקסטער אין די טעג, ווען מ'דארף ארבעטן מתקן צו זיין די מדות, דאס איז נישט קיין גרינגע עבודה, דער יצר איז גרוים, ער ארבעט אויך, א יוד האט אבער א כח הפנימי, וואס מיט דעם קען ער אים בייקומען.

**דעמאלטס** ווען יודן זענען געווען אויפן וועג, זיי האבן זיך געגרייט צו מתן תורה, איז אויך געקומען דער עמלק, ווען יודן האבן געזעהן אז עמלק איז געקומען, זענען זיי געווארן זייער צובראכן, וילחם עם ישראל ברפידים, שרפו ידיהם מדברי תורה, זיי האבן נאכגעלאזט פון זייער הכנה צו מתן תורה, זיי האבן זיך אביסל מייאש געווען, זיי האבן געמיינט אז זיי וועלן נישט קענען דורכקומען, זיי האבן זיך אבער געשטארקט, ויסעו מרפידים ויבואו מדבר סיני, און זיי האבן מצליח געווען, ויחן שם ישראל נגד ההר, כאיש אחד בלב אחד, און זיי האבן מקבל געווען די תורה אויף א הויכע מדרגה. ווען דער אייבערשטער האט געזאגט אנכי ה' אלקיך און לא יהיה לך, זענען זיי געווארן זייער גרויס, נעקר יצר הרע מלבם, האבן זיי געזאגט אזוי וועט דאך נישט זיין קיין רבותא, אז ס'וועט נישט זיין קיין יצר הרע, וועט דאך נישט זיין קיין שכר ועונש, יעדער וועט וועלן זיין גוט, אז ס'איז נישטא קיין צוריקהאלט, ברויך מען זיך דאך גארנישט צו פלאגן, זיי האבן געוואלט האבן א כח הנגדי, האבן זיי געזאגט זיי ווילן הערן פון משה רבינו, אויף א קלענערע מדרגה. האט דער אייבערשטער געזאגט הטיבו כל אשר דברו, זיי האבן גוט געבעטן, פון יעצט וועט עס גיין דורך משה, משה ידבר והאלקים יעננו בקול, דער אור זאל זיין אביסל קלענער, אזוי אז מ'זאל אלץ האבן א ווידערשטאנד, און מ'זאל עס בייקומען, ווייל דאס איז דער תכלית הבריאה, אז דער מענטש זאל האבן שוועריגקייטן, און עס קענען איבערקומען.

**און** יעדעס יאר חזר'ט זיך איבער וואס ס'איז געווען דעמאלטס, די ערשטע נאכט פסח שיינט דער אייבערשטער אריין די נון שערי בינה, נאכדעם דארף מען ציילן, מ'ציילט יעדן טאג, די זיבן וואכן זענען אזוי ווי חול המועד, די טעג האבן א גרויסע קדושה, ווייל מ'גרייט זיך צו מתן תורה, מ'ציילט יעדן טאג נאך א ספירה, נאך א מדרגה, צו מאכן לייכטן די מדות, עומר טייטש א מדה, א מאס, וימודו בעומר. די ברכה מאכט מען טאקע הויעך, די נשמה שרייט געוואלד, אבער נאכדעם, טוט דער בעל דבר ווייטער זיינס, ער ארבעט זייער פעסט, ער שיקט אריין אין יעדן מענטש פארשידענע מדות רעות, כעס און הקפדה, יעדער מענטש האלט אז יענער האט אים געטאן, בעול'ט, צוגענומען, און ער לייגט עס אוועק אין הארץ, ס'ברענט אין אים א פייער, א טינא בלב, און דער בעל דבר ווייזט אלץ אויף אז ס'איז אזוי געווען, און אזוי געווען, כאטש ער זעהט אז יענער האט אים יא ליב, ס'איז א סתירה איין זאך מיט די

אנדערע, קען דער בעל דבר ווייזן, אפילו מיט רוח הקודש קען ער איבערווייזן, אז ס'איז יא אמת.

**און** דאס וואס איך רעד העלפט אויך גארנישט, קיינער וויל נישט הערן, ווייל דער מענטש האט דאס אין די טבע אריינגעבויעט, פיינט צו האבן, און מ'דארף שטארק הארעווען, דער מענטש זאל גלייבן, אז יעדע זאך וואס ער מאכט מיט, האט ער זיך אליין געטון, דער בעל דבר זאגט אים, דער האט דיר געטון, און יענער, און דער מענטש דארף וויסן אז ניין, ער טוט זיך אלעס אליין, אודאי זענען דא שלוחים, אבער דאס איז נישט קיין נפקא מינה, דאס וואס קומט אויף דיר, ביזטו אליין שולדיג, דאס איז דער אמת, ס'איז נישטא אזאך זאל זיין אזוי אמת, ווי אמת דאס איז, און ווי הייליג, און ווי זיכער.

**אויב** דער מענטש קומט צו דאס צו פארשטיין, איז אנשטאט צו טראכטן וואס יענער טוט אים, קען ער אנהייבן טראכטן וואס ער ברויך צו טון, וואס ער דארף תשובה טון, ס'גייט נישט אויף איינמאל, ער ברויך זיך נאך אסאך צולערנען, ער דארף נאך קונה זיין צו דעם דעת, ער זאל וועלן אנערקענען, און מודה זיין, צוביסלעך קען ער זעהן און פארשטיין נאך און נאך. רבי אייזיק'ל קאמארנער זי"ע שרייבט זייער אסאך וועגן דעם, ער איז מסביר, אויב מ'טוט א מענטש מבזה זיין, מ'זאגט אויף אים פארשידענע זאכן, און ער ווייסט אז ס'איז נישט אמת, מוז זיין אז עפעס פון דעם איז אמת, עפעס האט ער פוגם געווען אין דעם ענין, בדק מן הדק, דער מענטש וואס זאגט איז א שליח פון אייבערשטן, פארשטייט זיך מגלגלין זכות על ידי זכאי וחובה על ידי חייב, יענער טוט טאקע א שלעכטע זאך, אבער ער איז נאר א שליח, דער אייבערשטער האט זיינע שלוחים, ער האט יענעם געשיקט, כדי דו זאלסט נתעורר ווערן צו תשובה.

**זאגט** דער הייליגער קאמארנער, אויב דער מענטש איז זוכה מקבל צו זיין די בזיונות אויף דעם אופן, וועט עס אים נוצן, ער וועט ווערן געלייטערט, מער ווי דורך הונדערטער טויזענטער טויזענטער תעניתים, אזוי זאגט ער דאס לשון (ריש נתיב מלותיך). אויף זיך אליין פארציילט ער אויך אסאך, אין זוהר חי, און אין היכל הברכה, און נאך, וואס ער האט אלץ מיטגעמאכט, פארשידענע חלישות הדעת, און מקבל געווען באהבה. ער שרייבט ווי גרויס ער איז געווען, ער האט געהאט גרויסע נשמות אין זיך, דער בעל שם איז געווען זיין שורש, און דער אר"י איז געווען זיין שורש, און א געוואלד תנאים און אמוראים. און דער לובלינער זי"ע האט געזאגט אויף אים, ער וועט פארשאַנען די וועלט. און ער האט שוין אלץ קינד פון דריי יאר געזאגט רוח הקודש, און נאך און נאך מדריגות וואס ער האט אלץ געהאט. און ער האט מקבל געווען תורה

פון אלע גרויסע צדיקים, גרויסע לייט האט ער משמש געווען. מיט דעם אלעם, איז ער נאך נישט אנגעקומען צום אמת, נאר דורך דעם וואס ער האט געליטן, שטארק געליטן, חרפות און רדיפות, אזוי זאגט ער דארט, פון דעם וואס ער האט געליטן, און ער האט נישט גערענטפערט, ער האט עס אנגענומען, און זיך געפריידט דערמיט, פון דעם האבן זיך אים געעפענט די טויערן, ער האט זוכה געווען צו דינען דעם אייבערשטן מיט אן אמת. נו, ווער קען זאגן אויף זיך אז ער איז גרעסער פונעם קאמארנער, אז ער ברויך שוין גארנישט מיטצומאכן, און שוין ווערט ער באליידיגט, באהאלטענערהייט אַהרט אים יעדע זאך.

- ד -

**דארף** מען אין די טעג, הארעווען אויף די אלע זאכן, די אלע מדות מתקן צו זיין, דער באשעפער וויל יודן זאלן זיך האלטן באחדות, דורכדעם קענען קומען אלע השפעות, אז מ'האלט זיך אינאיינעם קומט די שפע גוט, אֵין עניות בציבור, לא מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה אלא השלום. נו ווער האלט עס צוריק, נישט דער און יענער, נאר ער אליין, זיינע מדות רעות, זיין שכל איז פארדרייט, פארשמוצט, נישט ווייל ער וויל דירעקט, נאר דער גוף איז אזוי געשטעלט, ער איז ארומגענומען מיט די אלע זאכן, און דער בעל דבר האט אלץ פארשידענע מיטלן, ווי אזוי אים צו שלעפן צו דעם.

**ממילא** כדי צוצוגיין צו מתן תורה, דארף מען אנהייבן צוביסלעך צו גיין, צו שטייגן, ארייננגיין אינעם דרך האמת, אינעם דרך המדות, יעדן טאג נאך אביסל, מ'קען גיין שטאטלעך, שטאטלעך, צוביסלעך איז אויך גוט, דער עיקר אז מ'טוט, מ'גייט. אזוי ווי איינער איז שולדיג חובות, ער קען נישט מיניה וביה באצאלן, אויב ער בעהט ער וויל באצאלן צוביסלעך, נעמט מען עס אן, אויב ער טוט טאקע אזוי, ער הארעוועט, ער באצאלט אלץ אביסל. אזוי קען מען גיין אין יודישקייט אלץ צוביסלעך, תפשת מועט תפשת, אלץ קען מען נעמען נאך עפעס, נאך א מדה, נאך א תיקון, און דער אייבערשטער העלפט צו, מ'זאל נישט פארלירן די פריערדיגע, און מ'זאל קענען גיין ווייטער, צו נאך א מדרגה, נאך א ספירה.

**אויף** דעם אופן וועט מען קענען שבועות מקבל זיין די תורה, מ'האט שוין מקבל געווען די תורה, אבער יעדן שבועות איז מען עס מקבל נאכאמאל, מיט א נייעם אור, די תורה האט נישט קיין שיעור, ס'איז אלץ א נייע קבלת התורה. אזוי ווי דער בעש"ט הק' האט געזאגט, אז יעדן טאג לערנט מען אין הימל דעם זוהר הקדוש מיט א נייעם פשט, אזוי איז עס מיט אלע ספרים, די גאנצע תורה האט יעדן טאג א נייעם פשט.

אלץ ווען מ'ליינט די עשרת הדברות, האט עס א נייעם פירוש, אפילו אום פרשת יתרו און ואתחנן, איז מען מקבל די תורה מיט א נייעם פארשטאנד, אלץ מיט א טיפערע באדייט, צדיקים האבן געקענט ווייזן דעמאלטס אויך קולות וברקים פון מתן תורה. דער שינאווער רב זי"ע, איז געווען אמאל ביי רבי דוד'ל דינובער זי"ע, פרשת יתרו אדער ואתחנן, ווען ער איז אהיים געקומען, האט ער געזאגט פארן טאטן איך האב געזען דארט קבלת התורה, די קולות וברקים, האט דער דברי חיים זי"ע געזאגט איך וועל דיר אויך ווייזן, האט ער אים איינמאל געוויזן.

**זאל** דער אייבערשטער געבן דעם זכות, מ'זאל קענען מקבל זיין די תורה, די זכות פון די צדיקים זאל מגין זיין, די זכות פון די אבות ואמהות, די שבעה רועים און די שבטים הק', די תנאים ואמוראים, די רבנן סבוראי, די גאונים וצדיקים, ראשונים און אחרונים, זאלן מגין זיין אויף כלל ישראל ווייטער, מ'זאל קענען צוקומען צו די גאולה שלימה. קודם יעדער צו זיין גאולה פרטית, די געוואלדיגע זאכן וואס קומען פאָר אין יעדן מענטש אליין, זאל מען קודם קענען מטהר זיין, מ'זאל אליין האבן א גאולה, אויף דעם דארף מען קודם איינרייסן, ס'זאל זיין ינחני במעגלי צדק למען שמו, דורך דעם וועט מען צוקומען צו מתן תורה, און צו די גאולה שלימה, ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן. (ס"ג שבחוהמ"פ תשנ"ז)